Opłata pocztowa uiszczona ryczałtem.
NAJER FOLKSBLAT — פרייז 15 גראָשען — היינט 8 זייטען

# נייער פאָלקסבלאַט

№ 16 | לאָדז, מאָנטאָג, א׳ שבט תרצ״א | ניינטער יאָהרגאַנג | Łódź, Poniedziałek, 19 stycznia 1931 r. | № 16

אַדרעס פון רעדאַקציע און אַדמיניסטראַציע: לאָדז, פּעטריקאָווער 21, טעל. 224-71 — Adres Redakcji i Administracji: Łódź, Piotrkowska 21, tel. 224-71.

# אויף דער מאָרגענדיגער זיצונג פון סיים זאל בעהאנדעלט ווערען דער ענין בריסק

ווארשא, 18 (טעלעפאָניש פון אונזער קאָרעספאָנדענט). די דינסטאָגדיגע זיצונג פון סיים ווערט ערוואַרט מיט גרויס שפּאַנונג. דער רעפערענט פון דער יורידישער קאָמיסיע ביים סיים, אַדוו. פּאַסכאַלסקי זאָל מאָנטאָג אין דער קאָמיסיע אָפּגעבען אַ בעריכט. אויף דער דינסטאָגדיגער זיצונג פון סיים וועט ענטפערען אויף דער אינטערפּעלאַציע יוסטיץ־מיניסטער מיכאַלאָווסקי.

אין די פּאָליטישע קרייזען ווערט מיט גרויס נייגיר ערוואַרט דער בעריכט פון אַדוו. פּאַסכאַלסקי, דער ענטפער פון מיניסטער און דאָס פערהאַלטען זיך פון דער אָפּאָזיציע.

## א לאדזער יוד בעגאנגען זעלבסטמארד אין ווארשא

ווארשא, 18 (טעלעפאָניש פון אונזער קאָרעספּאָנדענט). היינט איז דאָ בעגאַנגען זעלבסט־מאָרד דורך אויסטרינקען סם, דער לאָדזער איינוואוינער יהודה באַרכאַן פון לאָדז (אַל. 1. מאַי 23). די סיבה — שלעכטע געשעפטען.

די אַרויסגערופענע פּאָגאָטאָוויע האָט פעסטגעשטעלט דעם טויט.

## ענין ווייס-בוך

### שטעהט נישט אויפ׳ן סדר-היום פון דער פעלקער-ליגע-סעסיע

גענף, 18 (יט״א טעלעגראַפיש). אויפ׳ן סדר־היום פון דער סעסיע פון דער פעלקער־ליגע, וואָס ווערט היינט געעפענט געפינט זיך נישט די פראַגע וועגען ווייס־בוך.

עס וועט נאָר אויף דער סעסיע אָפּגעגעבען ווערען אַ בעריכט פון דער מאַנדאַטען־קאָמיסיע. דעם פאָרזיץ וועט פיהרען דער ענגלישער אויסערן־מיניסטער הענדערסאָן. ווי מען דערוויסט זיך וועט די ענגלישע רעגירונג נישט אָפּגעבען קיין בעריכט פון דער אינטערנאַציאָנאַלער כותל־מערבי קאָמיסיע.

נישט אָפיציעל וועט דער בעריכט פונאַנדער־געטיילט ווערען צווישען די מיטגלידער פון דער ליגע.

## קאנפערענץ וועגען דריווו אין אמעריקא

### פעליקס וואַרבורג וועגען ווייס-בוך

ניו־יאָרק, 18 (יט״א טעלעגראַפיש). אויף דער קאָנפערענץ אין צוזאַמענהאַנג מיט׳ן „דרייוו״ לטובת א״י, וואָס הויבט זיך אָן דעם 25. ה. ח. האָט פעליקס וואַרבורג ערקלערט, אַז קיין שום זאַך האָט, אין זיין לעבען, נישט אַזוי שווער געטראָפען, ווי דאָס ווייס־בוך, ער האָפט אָבער, אַז די יודישע פּראָטעסטען וועלען ברענגען גוטע פּרוכטען.

## לאקאטארען-פעראיינען פראטעסטירען געגען דעם פלאן צו העכערען דאס דירה-געלד

ווארשא, 18 (טעלעפאָניש פון אונזער קאָרעספאָנדענט). אין צוזאַמענהאַנג מיט דער ערקלערונג פון מיניסטער פּריסטאָר וועגען דעם, אַז דירה־געלד וועט געהעכערט ווערען, האָט דער לאָקאַטאָרען פעראיין פאַרגענומען אַ פּראָטעסט־אַקציע איבערן גאַנצען לאַנד געגען דעם פּראָיעקט.

## שטורמישע זיצונג אין ווארשאווער קהלה-ראט

ווארשא, 18 (טעלעפאָניש פון אונזער קאָרעספּאָנדענט). היינט איז פאָרגעקומען אַ זיצונג פון קהלה־ראַט. אויף דער זיצונג האָט געזאָלט בעטראַכט ווערען דער פאָרשלאַג פון פּ. צ. ראָזמאַן לעוו, וועגען פונאַנדערלאָזען דעם קהלה־ראַט און בעשטימען נייע וואַהלען. די זיצונג האָט געהאַט אַ שטורמישען פערלויף און זיך פערצויגען ביז שפּעט ביינאַכט.

---

La Direction de „l'Union Textile“ S. A. a la grande douleur d'annoncer le décès de

## Monsieur Georges Rebotier

### Directeur du Bureau de Lodz

mort subitement le 18 Janvier en son domicile Wólczańska 23.

Le defunt a été son précieux collaborateur pendant de longues années et sa memoire restera ineffaçable dans le coeur de tous.

La date des funérailles sera communiquée ultérieurement.

---

כשר — בעקאַנטמאַכונג — כשר
דערמיט מאַך איך בעקאַנט, אַז מיטוואָך, דעם 21 ד. ח. קומט פאָר די ערעפענונג פון נייע־רעמאָנטירטען
„LUNCH“ באַר
אויף נאַרוטאָוויטשאַ 40, טעל. 185-97
וואו ס׳ווערען אַרויסגעגעבען געשמאַקע
פרישטיקען, מיטאַגען, אָווענדברויטען
צו ביליגע פרייזען צו יעדער צייט, רייכער בופעט, בעסטע ביר אויפן אָרט
מיט אַכטונג באַר „LUNCH“ נאַרוטאָוויטשאַ 40 — טעלעפאָן 185-97 —

אכטונג, געזעלער!
די וואַרשעווער פירמע „Spółka“
נאָוואַ־צעגעלניאַנאַ 24 און פּאַנסקאַ 41
מאַכט בעקאַנט, אַז עס ווערט נאָך אָנגענומען
גענזע-פעטס צום טאָג-פרייז.
מיט אַכטונג י. גריבשטיין.
755

מאשין-מצות
ווערט געבאַקען אַלע טאָג פרישע און דינע
ווי אויך מצה-מעהל, אייער-פערפעל
און צוקערקעס לויט קאָלסבאָדער סיסטעם
מיר עמפּפעהלען צו יעדער צייט אונזער גוט־בעקאַנטע און פרישע געבעקסען פון אונזער איבעראַל בעוואוסטער צוקערביע
ב. וויינבערג
38 פּיעטריקאָווער 38
:-: טעל 143-82 :-:

אכטונג, קליינפיש-הענדלער!
היינט, מאָנטאָג, ד. 19. יאַנואַר 1931, 5 נאָכמ. קומט פאָר אין לאָקאַל פון צענט. אַלגעמ. קליינהענדלער־פעראיין, פּאָמאָרסקאַ 15
א פאך-פערזאמלונג
פון די פיש-קליינהענדלער אין פערשידענע וויכטיגע פראַגען און אַ נייע רעגיסטראַציע פון די מיטגלידער. ווער עס וועט זיך נישט רעגיסטרירען ביז דינסטאָג, דעם 20/1—1931 וועט ווערן אויסגעשלאָסען אַלס מיטגליד פון פיש קליינהענדלער־פעראיין.
די פערוואַלטונג.

הננו משתתפים בצער של תלמידינו וחבירינו
חיים שמעון וישראל אונגער
על האסון הגדול שקרה להם במות עליהם אמם
חנה נ״ע
המקום ינחם אותם בתוך אבלי ציון וירושלים.
המורים ותלמידי בית-הספר של מר ש. שולדענרייז מחלקות ג׳ ד׳ וה׳
773

דעם טיפסטען בייליד דריקען מיר אויס אונזער געעהרטען פער־וואַלטונגס־מיטגליד ה׳ העניך לעווי נ״י צוליב׳ן טויט פון זיין אונפערגעסליכער מוטער
חנה נ״ע
המקום ינחם אתכם בתוך שארי אבלי ציון וירושלים.
די פערוואַלטונג פון „מחזיקי חולים“ קילינסקי 120

